פון אונזערע שונאים. מיר האבן ברידער און שוועסטער אין אנדערע לענדער וועלכע זענען נאך מער אונטערדריקט, געיאגט און געפלאגט, ווי מיר זענען דא. מיר אלע אינאיינעם קוקן ארויס אויף די לאנג-ערווארטעטע און צוגעזאגטע גאולה שלימה פון אונזער פאטער אין הימל. דורך קיין מענטשליכע הענט קענען מיר נישט און ווילן מיר נישט ארויס פון גלות, אפילו דורך וואוילטעטיגע פעלקער און מעכטיגע קעניגן אויך נישט, נאר אויסדריקליך דורכ'ן מלך המשיח, ווען השם יתברך וועט אים שיקן אונז אויסצולייזן אויף אן אום-נאטירליכן אופן, דורך פיל שענערע און גרעסערע נסים ווי מיר האבן ווען אמאל שוין געהאט. אונזער כבוד, פראכט און גלאנץ וועט דערהויבן ווערן העכער פון אלע מענטשליכע השגות, ווי עס איז באשריבן אין אלע ספרי הנביאים. עס איז גאר אוממעגליך דאס צו באגרייפן מיט דעם מענטשליכן פארשטאנד וויאזוי דאס וועט דעמאלס אויסזען. דאס אלעס ווייסט נאר השם יתברך אליין, ווער עס האט דאס אלעס צוגעגרייט פאר זיין באליבט פאלק. די זעלבע זכותים פון נשים צדקניות קענען צוהעלפן צו פארשנעלערן און צואיילן די שיינע ליכטיגע טעג דורך ערציען אונזערע קינדער צו גיין און זיך פירן אין וועג פון אונזערע עלטערן, און אויך נישט ענדערן דעם שם לשון מלבוש, ווי אויבן דערמאנט.

יא, אזוי לערנט אונז אונזער פארגאנגענהייט, אז מיר מוזן נעמען די ערציאונג פון אונזערע טעכטער מיט דער גרעסטער מאס אחריות און געוויסנהאפטיגקייט, ווייל פונקט אזוי ווי דעמאלס, אזוי איז אויך היינט. די מוטער האט דעם גרעסטן איינפלוס אויף די קינדער ערציאונג. דעריבער איז עס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אז די מיידלעך זאלן קריגן אן ערליכע אידישע ערציאונג, מיט ערליכע השקפות און איבערצייגונגען. און דעמאלס איז צו האפן אז ווען זי וועט אליין ווערן א מאמע וועט זי דערציען אירע קינדער צו תורה און יראת שמים.

א שיין משל ווערט געברענגט אין דער גמרא (מנחות דף מג ע"ב). א קעניג האט ארויסגעגעבן א באפעל פאר זיינע צוויי קנעכט. איינעם האט ער געהייסן ברענגען א גאלדענעם זיגל, און איינעם האט ער געהייסן ברענגען אן ערדענעם זיגל. אלע ביידע האבן נישט אויסגעפאלגט דעם קעניג'ס פארלאנג, און נישט גע-

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 21 הודפס ע"י אוצר החכמה

ברענגט די זיגלען. שטעלט זיך די פראגע: פאר וועמען קומט א שווערערע שטראף? זיכער פאר דעם וואס האט נישט געברענגט דעם ערדענעם זיגל! ווייל ערד איז דא אומעטום, מען קען דערצו לייכט צוקומען, עס קאסט נישט קיין געלט. האט ער דאך געקענט זייער גרינג דורכפירן דעם קעניג׳ס ווערטער. דאס באווייזט, אז דער גאנצער קעניג מיט זיינע געזעצן זענען ביי אים נישט חשוב, און ער באמיט זיך נישט צו טאן פאר׳ן כבוד פון קעניג אפילו א קליינע און לייכטע ארבעט. דאס זעלבע קען מען אויך דא זאגן. אמת מיר האבן א גרויסע תורה, זעקס הונדערט מיט דרייצן (תרי״ג) מצוות, און נאך פיל מצוות וואס אונזערע הייליגע חכמים און נביאים האבן אונז צוגעגעבן, כדי אונז צו צוימען און צו היטן פון אפטרעטן ח״ו פון תורה ווגו. אלעם איז ביי אונז חשוב און טייער. אפילו א מנהג ישראל איז ביי ערליכע אידן חשוב ביז גאר. זיכער זענען פארהאנען צווישן די מצוות אויך שווערע מצוות וואס מען דארף דערצו גרויסע כוחות, פיל געלט און אנשטרענגונגען, מען דארף קעמפן ווי א לייב זיך אנטקעגנצושטעלן אלע שטרויכלונגען און פריפונגען וואס דער יצר הרע שטעלט אין ווגו. און וועלכער ג-טס פארכטיגער איד וואס דעם אייבערשטנ׳ס נאמען איז ביי אים ליב, טוט נישט אלע שווערינקייטן באזייטיגן, אזוי ווייט אז מיט פרייד און שמחה איז ער מקיים אלע מצוות פון השם יתברך ווי שווער עס זאל נישט אנקומען. קען זיך אמאל טרעפן אז מען איז יא ח״ו דורכגעפאלן מיט אן עבירה, טוט מען שנעל תשובה, מען וויינט זיך אוים פאר׳ן פאטער אין הימל, מען נעמט זיך אמתדיג פאר צו זיין מער פארזיכטיג אין דער צוקונפט, נישט צו קומען מער צו קיין דורכפאל, איז השם יתברך זיכער שוין מוחל. דאס איז געזאגט ביי שווערע מצוות ווי צו מאכן און ברענגען א גאלדענעם זיגל. אבער ביי רעדן אידיש און רופן זיך מיט אידישע נעמען, איז נישטא קיין שום אויסרייד און אלע תירוצים העלפן נישט. עס איז לייכט, עס קאסט נישט קיין געלט און עס פאדערט נישט קיין מי און קיין שום אנשטרענגונג, מען דארף נאר אמת׳דיג צו וועלן. ווען מען זאל גוט באטראכטן דעם גרויסן נוצן און חשיבות פון דעם, און דאס גרויסע שעדליכקייט ווי אויבן דערמאנט פון פאר־נאכלעסיגן די דריי אידישע פאלקס צייכנס, וועט זיכער יעדער

ערנסטער גראד־דענקנדער איד זיך באשטרעבן זיינע טעכטער לויט דעם צו ערציען. ואין לך דבר העומד בפני הרצון — עס איז נישטא קיין זאך וואס זאל זיך אנטקעגנשטעלן קעגן אן אמת'ן ווילן.

## פרק ד

נאך זייער א וויכטיגע זאך קענען מיר זיך ארומפלערנען פון די נשים צדקניות. עס איז א דעליקאטע פראגע, וואס א סך וועלן זיך וואונדערן פארוואס איך דערמאן דאס אין א ספר'ל, וועלכעס איז געשריבן פאר ערליכע אידן און פרומע פרויען. אבער כאטש איך וויים גאנץ גוט אז די גרויסע שרעקליכע עבירה, וואס אלס שטראף דערפון האט דער מבול די גאנצע וועלט פארניכטעט — ווערט נישט באגאנגען חס ושלום פון ערליכע אידישע קינדער, האב איך אבער מורא פאר דער צוקונפט. ווייל ווער האט דען אפילו געטראכט מיט 30 אדער 40 יאר צוריק, אז עס וועט קומען א צייט, אז אן ערליכע אידישע טאכטער וועט גיין געקליידעט אזוי פרעך און אויסגעלאסן ווי עס זענען געגאנגען דעמאלס די אקטריסעס און אויסוואורפן. און ליידער ליידער, זענען מיר שוין אזוי ווייט געזונקען, אז עס ווערט געפרעדיגט אין דער קירכע און מען ווארפט פאר פאר די גוי'אישע מיידלעך „צי זיי שעמען זיך נישט צו גיין אזוי געקליידעט ווי די אידישע מיידלעך"? או לאותה בושה, אוי לאותה כלימה! וויי איז צו אזא שאנד, וויי איז צו אזא שפאט! השם יתברך זאל זיך אויף אונז דערבארימען און שיקן באלד און גיך דעם גואל צדק, ווייל ווער ווייסט וואס דער גלות קען נאך ברענגען.

אבער באמת ישראל קדושים, פאקטיש זענען די אידן א הייליג פאלק, (זיי פארגעסן זיך נאר אמאל צוליב דעם גלות). ווען מען וואלט תיכף אין אנפאנג געמאכט א געוואלד, ווען די בגדי פריצות, די מאדע פון אויסגעלאסענע קליידער האט זיך אנגעפאנגען, וואלט עס נישט אזוי ווייט געקומען. ווענן דעם מוזן מיר פארקוקן אויף דעם שלעכטן ביינעשמאק, און ווארענען וועגן דעם איידער עס ווערט צו שפעט חלילה.

נעמליך די מוטער דארף לערנען איר טאכטער, ווען זי איז שוין אין דעם עלטער ווען זי דארף דאס וויסן, אז די נשים צדקניות אין מצרים האבן נישט געטאן גארנישט צו שטערן ח"ו די ברכה פון האבן אזויפיל קינדער וויפיל חשי"ת האט זיי געגעבן. נאר פארקערט, ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא און אין מדרש, אז אפילו דעמאלס ווען די נשים צדקניות, וועלכע האבן זיך געמוזט אליין פלאגן מיט די קינדער, ווייל די מענער זענען דאך געווען פארשקלאפט ביי דער שווערער ארבעט, און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער ערציערינס און קיין דינסטן, אדער אנדערע באקוועמ־ליכקייטן וואס די היינטיגע טעכניק פארגרינגערט אונז, און אויך דאס טעגליכע ברויט האבן זיי העכסט ווארשיינליך געמוזט אליין באזארגן, און פונדעסטוועגן איז נישט געווען קיין איינציגע צווישן זיי — ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש — וועלכע האט געוואלט ח"ו פארמיידן די ברכה פון קינדער האבן. דארפן מיר זיך באַרעכענען, וואס מיר לעבן ב"ה אין וואוילשטאנד, ווי קענען מיר זיך וואגן אזא גרויסע עבירה צו באגיין ר"ל, וואס צוליב דעם פארלירט מען נישט נאר עולם הבא, נאר מען פארזינדיגט נאך דעם מאן און די קינדער.

אזעלכע און ענליכע געשפרעכן זאל די מוטער האבן מיט איר דערוואקסענע טאכטער. (אוודאי דארפן עלטערן זיין זייער פארזיכטיג וואס מען רעדט קעגן די קינדער, און גרויס השגחה האבן קינדער זאלן נישט הערן, זען אדער לייענען קיין זאכן וואס איז נישט צו זייער עלטער, נאר אלעס אין זיין צייט). נישט ווי מ'הערט ליידער אז געוויסע מאמעס האלטן עס אפילו פאר נישט פאסיג צו רעדן מיט זייערע טעכטער איבער די פליכטן פון א אידישער פרוי, און ווען די צייט קומט געבן זיי איר א ביכל, וועלכעס זי זאל דורכלייענען, אבער מינדליך ערקלערן זיי איר גארנישט, צוליב א פאלשן געפיל פון שעמעוודיגקייט (צניעות). און דורכדעם איז עס בעוונותינו הרבים אזוי ווייט געקומען, אז געוויסע טעכטער און פרויען, אפילו פון בני תורה, ווייסן נישט זיך פורש צו זיין בטהרה, זיי ווייסן נישט געהעריג ווי צו מאכן די בדיקה און דאס גלייכן אזעלכע הלכות, וואס דאס עובר זיין אויף אזעלכע עבירות איז אן איסור כרת ר"ל, און זי ברענגט אויך דעם מאן צו דעם גרויסן איסור ר"ל. און וואס

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 24 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז שולדיג אין דעם? דאס פאלשע צניעות, דאס געפיל פון שע־מעוודיגקייט פון דער מוטער, וועלכע האלט עס פאר נישט פאסיג מיט דער טאכטער צו רעדן דערפון און געגוי איר אויפצוקלערן. און דאס איז יא מער אנשטענדיג, ווען מען גייט מיט אויפגעדעקטע קני אדער די ברוסטן און האלדז איז אויסגעבלעזט? אוודאי, ווייל דאס פארלאנגט דאך דער יצר הרע, די עבודה זרה, די מאדע!...

אבער מיינט נישט, מיינע נאאיווע ברידער און שוועסטער, אז אייערע קינדער וועלן אין דער ווירקליכקייט פארשווינט בלייבן פון אזעלכע געשפרעכן. ניין! איך בין א פעדאגאג און איך רעד פון ערפארונג. מיינע ליבע אידן, זייט נישט אזוי לייכטזיניג אין דער אויפזיכט פון אייערע קינדער. שפיאנירט נאך זייערע געשפרעכן, וועט איר שטוינען וואס פאר א געשפרעכן עס פירן קינדער פון 13—14 יאר, איבערהויפט אין די שטעט, וואו זיי זעען דאס פריצות פאר זייערע אויגן, און מיט די יארן וואקסט מיט די לײדנשאפט. נו וואס זאל זי צוריקהאלטן פון אזעלכע געשפרעכן? דאס קען נאר טאן די וואכזאמקייט פון די עלטערן. אבער וואו איז די דאזיגע וואכזאמקייט. עס איז צו שטוינען, ווי שוואך עס איז די השגחה פון די עלטערן אויף זייערע קינדער. א סך מאל וואלט מען געקענט אויסמיידן גרויסע פעלערן, וואס פארשאפט שפעטער פאר די עלטערן גרוים עגמת נפש, צער יגון ואנחה, ווען די עלטערן זאלן זיך מער אומקוקן און ווען זיי זאלן נישט דערלאזן צו זייערע טעכטער שלעכטע ביכער אדער נישט פארלעסליכע חבר'טעם. עס איז פארגעקימען ביי גאנץ פיינע עלטערן, אפילו דארט וואו דער פאטער איז א בן תורה, אז די טאכטער האט נישט געוואלט אפשערן די האר און אנטאן א שייטל. עס האט געקאסט א סך אנשטרענגונגען, די מוטער האט געוויינט, דער פאטער האט געסטראשעט, ביז זי האט ענדליך נאך לאנגע דעבאטעס יא נאכגעגעבן. און אמאל איז שוין צו שפעט געווען, מען האט עס בשום אופן נישט געקענט פועל'ן. ענליכע און נאך מער טראגישע געשעענישן הערט מען לײדער פון גאר שיינע הייזער, און דאס אלעס האט נאר דערפירט א פריינדין אדער א ביכל וואס האט אויסגעזען „אומשעדליך", וואס די עלטערן וואלטן פון אנפאנג נישט געטארט דערלאזן.

# פרק ח

## צי איז עס ראטזאם אז מען זאל לאזן די מיידלעך שטודירן?

ווי מיר האבן שוין אויבן דערמאנט, אזוי ווי די מיידלעך לערנען דאך נישט קיין תורה און זיי האבן נישט קיין רבי'ן, ווענדעט זיך אלעס ביי זיי לויט וואס פאר אן אונטערריכט און השקפות זיי קריגן, און לויט דעם ווערט איינגעשטעלט זייער גאנצער לעבנס סדר איבער דעם גאנצן לעבן. אין דער יוגנט ווייזט זיך עס ארויס אין דער קליידונג, ביי איר באנעמונג, ביים אויסוואל פון אירע חבר'טעס. ווען זי ווערט עלטער ווייזט זיך ארויס איר אויפ-פאסונג ביים אויסוואל פון איר באשערטן, ביים אויסקלויבן דעם שידוך, און דאס אומגיין מיט איר מאן. אויב זי באטראכט דעם מאן און באהאנדלט אים אלס א מענטש וואס איז נאר דא איר צו באדינען, דערמיט וואס ער פארשאפט אלעס וואס זי דארף האבן, א שיינע גרויסע וואוינונג, טייער מעבל, טעפיכן, זיידענע פירהענג, לעצט מאדערנע טאילעטן און אזוי ווייטער. און טאמער קען ער דאס נישט פארשאפן פאר איר, דעמאלס פארהאסט זי אים און זי פילט זיך שטארק אומגליקליך נעבן אים.

אדער זי באטראכט אים אלס איר מאן, נעבן וועמען זי קען זיך פארשאפן איר עולם הבא, דערמיט וואס זי העלפט אים צו טאן מצוות און נאכצוגיין נאך מעשים טובים, זי טוט אים ערמעגליכן און צוהעלפן קובע עתים זיין לתורה, באשטימען א צייט צום לערנען אלע טאג אינדערפרי און אויפדערנאכט, ווי עס ווערט נעברענגט אין שו"ע (יו"ד סימן רמ"ו סעיף א'), אויך צו דאווענען מיט מנין אלע טאג, און פירן זיך ווי א איד דארף אויף אלע געביטן פון לעבן. אויב זי באמיט זיך אויף דעם אויסצונוצן איר איינפלוס, און דאס שטעלט זי פאר'ן צוועק פון איר לעבן. דעמאלס איז זי א גלייכער שותף און זי האט א חלק אין זיין תורה לערנען און אין אלע זיינע מצוות, דערמיט וואס זי העלפט אים ארויס מיט וואס נאר עס איז מעגליך, כדי ער זאל האבן מער צייט צו באפאסן זיך מיט תורה לערנען.

נאך מער פון דעם האט די פרוי אין איר באזיץ צוצוהעלפן צום תורה לערנען, נעמליך דער ברויטגעבער, דער פארדינער איז

דער מאן. די בעל הבית'טע ווידער די פרוי איז די ווירטשעפטערין און געלט אויסגעבערין. וויפיל געלט זי דארף צום אויסגעבן אזויפיל דארף ער צו פארדינען, שפענדן צייט צו שאפן דאס געלט. נאך אלעמען פון קיין חובות קען מען נישט און טאר מען נישט לעבן, און זיכער קען מען נישט מאכען קיין הוצאות אויסגאבן אויף אן אנדערנס חשבון. יעדער געזונטער מענטש דארף זיך אליין זוכן די פרנסה, מיט האנדלען, געשעפטן מאכן, ארבעטן, אדער אנדערע וועגן וואס איז ערלויבט לויט די פארשריפטן פון שולחן ערוך. און זיכער טארן נישט די אויסגאבן איבערשטייגן די איינקונפטן מיט קיין איין פרוטה נישט. דאס קען ברענגען ח"ו צו שעדליכע נאכפאלגן.

יעצט די עקרת הבית, די בעל הבית'טע ווען זי איז זייער פארזיכטיג נישט צו קויפן קיין אומנויטיגע ארטיקלען, אויף קיין שום אומוויכטיגע זאכן נישט צו מאכן קיין אויסגאבן, איז יעדע פרוטה וואס זי שפארט איין, דארף דער מאן וויניגער שאפן מיט איין פרוטה. די גמרא זאגט (בבא בתרא ט ע"ב) פרוטה פרוטה מצטרף לחשבון גדול, — פון פיל קליינגעלט ווערט גרוים געלט. פון מינוטן ווערן שעה'ן. האט דער מאן פיל צייט, כח, ענערגיע און געדולד איינגעשפארט וואס ער קען אויפנוצן אויף תורה און מצוות און אויף אפצוגעבן זיך מער מחנך צו זיין די קינדער. נו ווער באשליסט אויף יעדער זאך צי הייסט דאס יא, אדער נישט נויטווענדיג? נישט די פרוי? ווען זי שטייט אין געוועלב און האנדלט איין סחורות, און מען האלט ביים טראכטן דאס ביליגערע אדער טייערערע צו קויפן, איז מיר יא נייטיג דאס ארטיקל, אדער קען איך מיך באגיין אן דעם, איז דאס ווערט א שעה תורה פון מיין מאנ'ס טייערע צייט, פון זיין אנגעשטרענגטן סדר, מען שטעלט אויף דער וואגשאל הונדערט שעה לערנען און א שטיקל שיין ניי מעבל, פופציג בלאט גמרא אדער א שטיקל טייערע צירונג, וועלכעס וועגט איבער? וועלכעס איז חשוב'ער? פאר וועלכן ווערט מען צאלן א העכערן פרייז? ביידע קען מען נישט. אוממעגליך! דער יכולת גרייכט קוים קוים אויף איינעם פון די ביידע.

דאס אלעס ליגט אויסשליסליך נאר ביי דער פרוי אין די הענט. בלויז זי קען איבער דעם אורטיילן און באשליסן. אין אט

די הינזיכטן איז דער כח פון דער פרוי אומבאגרענעצט, וואס ווי־ ניגער זי שפענדעט אלץ גרעסער איז איר חלק אין אלע מצוות און מעשים טובים וואס דער מאן טוט, ווייל זי האט דאך דאס אים ערמעגליכט, און אים צייט געגעבן דערויף.

וועלכע געטרייע מאמע און איבערגעגעבענע פרוי וויל דען אז איר מאן, דער טאטע פון אירע קינדער זאל מערער און שווערער ארבעטן, לענגער זיין אוועק פון הויז, פארדרייען זיך דעם קאפ מיט חובות, נאר צוליב איבערצושטייגן די שכנים און פריינדינס מיט טייערער מעבל, שענערע קליידער, אדער מער גלאנצענדיגע צירונג, אפילו מען זאל עס יא טאן, ווייסט מען גאנץ גוט אז דער שכן וועט נישט שטיין מיט פארלייגטע הענט, נאר ער וועט אויך דאס זעלבע טאן, אים איבעריאגן, און אזוי קען מען זיך ארומיאגן איינס דעם אנדערן אן שום פארוואס און עס נעמט נישט קיין סוף און קיין עק.

אפילו די יעניגע וואס זענען יא פארמעגליך, השם יתברך האט זיי געשענקט, בעסער געזאגט נאר געבארגט, אן אוצר געלט, איז אויך דא וויכטיגערס צו טאן דערמיט ווי איבערצוטרייבן יעדן און אויפרייצן די אויגן פון די נישט אידישע שכנים צווישן וועמען מיר זענען אין גלות. יעקב אבינו ע"ה האט אנגעזאגט פאר זיינע קינדער „למה תתראו" — פארוואס זאלט איר ארויסווייזן פאר דער וועלט אז איר האט וואס צו עסן, אין דער צייט ווען עס הערשט א הונגער.

אין ספר תשובות בית הלל (תשובה ע) שטייט נאך מער, אז מען וועט מוזן פאררעכענען מיט אלע געלטער אויף וואס מען האט דאס אויסגעגעבן, אויף נייטיגע נוצליכע זאכן, אדער נישט. ווייל געלט און פארמעגן איז ניט קיין אייגנטום. מען איז נאר אן אויפזעער דערויף, אזוי ווי א גבאי אויף הקדש געלט. א גענויער חשבון וועט מוזן געגעבן ווערן אויף אלע אויסגאבן פאר'ן אמת'ן בעל הבית.

אונזערע חכמים ז"ל זאגן גאר (ברכות יז ע"א) „גדולה הבטחה שהבטיח הקב"ה לנשים יותר מן האנשים", עס איז נאך גרעסער די באלוינונג און דער שכר וואס ערווארטעט די פרויען פאר זייער חלק מצוות מער ווי דער שכר פאר די מענער. „במאי זכיין" וכו'

הודפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 28 הודפס ע"י אוצר החכמה

מיט וואס קענען זיך די פרויען איינקויפן זכויות, מצוות און מעשים טובים, מיט פירן די קינדערלעך אין חדר אריין און מיט צוהעלפן און אויסוואַרטן די מענער צו גיין לערנען אין בית המדרש.

אבער אמבעסטן ווייזט זיך אַרויס איר אויפפאַסונג און איר השקפה אַלס מוטער ביי דער ערציאונג פון אירע קינדער, וואָס דאָס איז צום וויכטיגסטן אין דער דערהאַלטונג און גוטער ווייטערפלאַנצונג פון אידישן פאָלק.

אלזאָ, די אינגלעך דאַרפן לערנען תורה, ווי די חז"ל זאָגן „המאור שבה מחזיר למוטב" — דאָס ליכט פון דער תורה ברענגט צוריק דעם מענטש אויף דעם ריכטיגן גוטן וועג; און די טעכטער דאַרפן לערנען אידישע השקפות, אידישע איבערציינגונגען וואָס די תורה לערנט, אָדער פון אירע עלטערן, אָדער פון איר סביבה, מיט וועמען זי פאַרקערט צום מערסטן, ווייל זיי טוען זי נאַטירליך באַאיינפלוסען.

אלזאָ מיינע ליבע ברידער און שוועסטער, מיר ווייסן דאָך אַלע וואָס פאַר אַן איינפלוס עס האָבן אויף די קינדער די לערער, די לערערינס און זייערע פריינדינס. לאָמיר ברענגען אַ משל וועגן דער השפעה און איינפלוס וואָס די חברותא און געזעלשאַפט האָט אויף די עמפפינדליכע הערצער פון די יונגע קינדער. צום ביישפיל: פאַר די עלטערן פאַסט נישט צו פאַרקערן און צו האָבן קיין געשעפטן מיט דעם און יענעם פושע, ווייל ער רייכערט שבת פראַנק און פריי, ער האַדעוועט חזירים, פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן און ערציט אויך אַזוי זיינע קינדער. טראָץ דעם איז זיין טאָכטער פון דער שולע די בעסטע פריינדין פון זיין קינד. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז צוליב דעם באַמיט זיך זיין טאָכטער אַכטונג צו געבן און זיין פאָרזיכטיג אויף אירע קליידער און באַנעמונג מ'זאָל נישט דערקענען אַז זי איז די טאָכטער פון אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישן איד, און דערפאַר מוז יעדעס קלייד, און אפילו די פריזור פון די האָר זיין צוגעפאַסט צו דער „בעסערער" געזעלשאַפט.

עס איז פאַרגעקומען, אַז אַ בחור וועלכער טראָגט געהעריגע פיאות, איז אַהיימגעקומען פון דער ישיבה און ער האָט דאָרט געפונען זיין שוועסטער מיט אַ חבר'טע, האָט ער די שוועסטער

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

גערופן ווי ער איז געוואוינט געווען מיט דעם אידישן נאמען „שרה". האט זיך די פריינדין אנגערופן מיט חוזק און שפאט: „נו, הערסטו שארלאט, איך האב גארנישט געוואוסט אז דו הייסט גאר שרה"? די שוועסטער האט זיך אנגערופן מיט כעס: „אך, אט דער עקלהאפטער אלאדאר!" דערויף האט די פריינדין געענטפערט: „רעד נישט אזוי! דער אברהם איז נישט אזוי עקלהאפט, ווען ער וואלט נאר נישט געטראגן די פיאות"! דער סוף איז געווען, אז די געבילדעטע שוועסטער האט אפגעשוירן די פיאות פון איר ברודער, ווייל זי האט זיך געשעמט מיט זיינע פיאות.

אדער מען רעדט אין דער געזעלשאפט וועגן די האר און וועגן די מאדערנע פריזורן. זאגט די אריסטאקראטישע טאכטער פון דעם חזיר סוחר: „א שאד וואס ביי אייך ארטאדאקסן שניידט מען אפ די שיינע האר ווען מ'האט חתונה"! אויף דעם ענטפערט זי: „איך וואלט דאס געוואלט זען אז מען זאל מיינע האר אפ-שניידען"! נאטירליך ווען עס קומט דערצו און זי האט חתונה פאלגט זי טאקע אלעם וואס אירע עלטערן הייסן, זי איז דאך א גוט קינד. אבער וואס פאר א גרויסן קרבן ברענגט זי דערביי! און ווען זי נעמט נישט די פעדער אין דער האנט שבת, אדער זי נעמט נישט קיין ראמאנען און ביכלעך פון דער לייברערי, לאכט מען זי אויס, אז זי וויל ווערן א רביצין.

אדער לאמיר באטראכטן וואס פאר א רעספעקט קען אזא שטודירט מיידל האבן פאר'ן שבת, ווען זי קוקט צו יעדן שבת דעם עפענטליכן חילול שבת, און זי מוז נאך אפילו טיילמאל צו-העלפן צום חילול שבת קודש, אדער לייענען וואס איר שכנ'טע — אויך א אידיש קינד — האט געשריבן אים שבת. דאס כסדר'דיגע צוזען פון חילול שבת און אויסגעלאסענע פרייע באנעמונג, הפקרות און פריצות שאדט פאר א בן תורה, און מיט וויפיל נאך מער שאדט עס פאר א יונג קינד. אזא פרוי וואס האט גלייכגילטיג צוגעזען אזויפיל חילול שבת, אז דעם עס זאל זי אפילו באריר[ן], איז א גרויסע פראגע צו זי וועט זיך אויסוויינען ביי ליכט צינדן, אז השם יתברך זאל איר געבן אין דעם זכות פון שבת קודש און אין זכות פון נר מצוה, גוטע קינדער, צדיקים, תלמידי חכמים.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 30 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאר א סך גרינגער איז אנצונעמען אז זי וועט לייענען ביי די שבת'דיגע ליכט דאס טאגבלאט אדער אפילו די מאגאזינען *).

ווי קען דען אזא פרוי, וועלכע איז אזוי גלייכגילטיג, האבן אזויפיל מוט און קראפט, בייצושטיין די שווערע נסיונות פון דעם גלות? ווען מ'וועט זי פארשעמען אדער אויסלאכן אויף דער גאס אדער אין א „בעסערער" געזעלשאפט וועגן איר אידישקייט, וועט זי זיין אימשטאנד חלילה דאס גאנצע אידישקייט אוועקצואווארפן. פיל פרומע עלטערן, ווען זיי זעען שוין אז די טאכטער איז נישט אזוי פרום ווי זיי וואלטן געוואלט, פרובירן זיי אויסצוגלייכן זייער נאכלעסיגקייט פון דער ערציאונג פון זייערע טעכטער דערמיט וואס זיי נעמען אלס איידעם א גוטן בחור. אוי ווי פאלש איז דאס! וויי איז צו דעם גוטן בחור, אויב ער איז טאקע א ירא שמים, ווען ער האט חתונה מיט אזא געבילדעטע מאדע דאמע, ווייל אפילו אין בעסטן פאל, אויב זי האט א גוטע און נאכגעביגע נאטור, האט ער עווענטועל נאר א לאנגע צייט צו קעמפן ביז ער וועט זי מיט גוטן אדער מיט שטרענגען אפגעוויינען פון די פרעמדע געוואויג־הייטן. אבער ווען זי האט א פאר'עקשנ'טע און ווידערשפעניגע נאטור, דעמאלס וועט די מחלוקת און קריגערייען דויערן א לאנגע צייט, אזוי לאנג ביז דער מאן וועט מיד ווערן צו קעמפן און ער וועט זיך אונטערגעבן. אין דעם פאל האבן די נאכלעסיגע עלטערן אפצוגעבן א דין וחשבון, נישט נאר פאר זייער טאכטער, נאר אויך פאר דעם איידעם און פאר די אייניקלעך.

יא, ווען מ'וויל חתונה מאכן די טאכטער צו א בן תורה,

---

*) און ווען מיר רעדן שוין פון די מאגאזינען, וועלכעס געבילדעטע מיידל לייענט דען דאס היינט נישט? זאל מיר ערלויבט זיין צו באמערקן אז די מאגאזינען וואס זענען פול מיט פריצות, אויסגעלאסנקייט, דברי חשק און אלע מינים נידעריגסטע תאוות, אויסער דעם אלעם זענען נאך די מאגאזינען פול מיט מינות און אפיקורסות, ווייל מען זעט דארט אפ־האנדלונגען און ארטיקלען פון „אור־אלטע מענטשען", „די שטיינערנע פעריאדע" און דאס גלייכן. דאס קינד נעמט דאס אן פאר גוט געלט און מען נעמט נישט אין באטראכט אז מען דערזוייטערט זיך וואס אמאל אלץ מער פון די יסודות און גרונדלאגן פון אונזער אמונה.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

מוז מען זי ערציען פאר א בן תורה פון דער פריסטער יוגנט אן, דורך די קינדער־יארן, אויפפאסן מיט וועמען זי חבר'ט זיך, פון וועמען זי ווערט באאיינפלוסט, צי זי לייענט נישט קיין שעדליכע ליטעראטור, און פון וואנען אירע השקפות בויען זיך. אבער נישט פארריכטן איין פעלער מיט א צווייטן. דערפאר קומט עס לײדער פאר זייער אפט אז גאנץ ערליכע בני תורה, און אפילו רבנים, האבן שלעכטע קינדער. אין דעם איז שולדיג צום מערסטן די מוטער אין איר שוואכע ערציאונג.

אמאל הערט מען פון עלטערן אן אויסרייד „פאר מיין קינד נוצט גארנישט", ווען זי איז אייגנעשפארט אין א זאך קען דאס קינער נישט ענדערן, נישט מיט שיינעם און נישט מיט בייזן. אנדערע עלטערן זאגן ווידער „אדער מען דארף נישט, אדער עס נוצט נישט". און דער אמת איז, אז ביידע מיינונגען זענען דורכאוים פאלש און גרונדלאז. וויל קינדער דארף מען יא מחנך זיין, און עס נוצט יא די ערציאונג. אפילו עס דאכט זיך אז מען האט שוין אזויפיל מאל געזאגט, ערקלערט, דערמאנט, גענערגערט זיך דעריבער, און מען האלט ביי גארנישט. ניין! דאס עקזיסטירט נישט. אזוי א זאך איז נישט פארהאנען אויף דער וועלט. אז מען רעדט צו קינדער מוז דאס יא ווירקן. אמאל מער אמאל ווייניגער, אמאל הונדערט פראצענט אמאל נאר פופציג, אמאל אויף שפעטער אמאל אויף שוין. אזוי איז די מענטשליכע נאטור. די ערפארונג האט אזוי געוויזן אז השפעה איז א זאך וואס עס לאזט זיך נישט מעסטן מיט די אויגן און עס זעט זיך נישט אן אויפ'ן ארט נאר מיט דער צייט קומט דאס אפיר, אזוי ווי די חכמים דערציילן אונז (אבות דרבי נתן פרק ששי ב) דער גרויסער תנא רבי עקיבא איז אלט געווען פערציג יאר און נאך נישט געקענט לערנען אפילו איין אות נישט. אמאל שטייענדיג ביי א ברונעם האט ער געזען א שטיין איז דורכגעלעכערט פון וואסער, איז ער שטארק פארוואונדערט געווארן און ער האט אזוי געזאגט: אויב דאס ווייכע וואסער קען לעכערן דעם הארטן שטיין, איז בוודאי אז די שטארקע און פעסטע תורה קען זיכער לעכערן דאס ווייכע מענטשליכע הארץ. ער האט זיך גענומען צו לערנען און אויסגעוואקסן דער גרויסער הייליגער תנא.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 32 הודפס ע"י אוצר החכמה

נו זאָל מען זיך אויסמאָלן דאָס בילד, מען זעט אַ שטיין ווי עס טראָפּט אויף אים שטענדיג וואסער, אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ, אומאויפהערליך. מען קען שטיין טעג און וואָכן, עס זעט זיך נישט קיין מינדעסטע ענדערונג, קיין שום צייכן פון קיין לאָך, שווערע מיליאָנען טראָפּן זענען שוין דורך און וואו, ווען, וואָס? ענדליך האָט מען דערוואָרט. דאָס וואסער האָט געווירקט און געלעכערט דעם שטיין. נו האָט דאָס דער לעצטער טראָפּ פאַראורזאַכט, צי דער מיטלסטער, צי דער ערשטער? דער אמת איז אָבער, אַז אַלע, יעדער איינער טראָפּ האָט געטאָן זיין ווירקונג, נאָר דערקענען דער־קענט מען עס נאָר ביים ענדע. נו פיל שנעלער און גרינגער איז צו ווירקן אויף אַ מענטשליך הארץ ווי אויף אַ האַרטן שטיין, דערצו נאָך ווען עס רעדט זיך פון אַן איינגן קינד.

## פרק ו

אויב מיר ווילן זיך פאַרזיכערן אַז אונזערע צוקונפטיגע דורות זאָלן בלייבן אידן, מוזן מיר אונזערע קינדער, סיי זין און סיי די טעכטער, שוין פון דער וויג אָנגעפאַנגען ביי יעדער געלעגנהייט מיט וואָרט און טאַט איינפּרעגן, אַז מיר מוזן זיך לאָזן אפילו אויסלאַכן און אָפּשפּעטן פאַר אונזער היילגן גלויבן, אויב עס קומט דערצו. וויפיל טויזנטער אידן האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען און שחט'ן על קידוש השם, צו פאַרהייליגן דעם באַשעפער'ס נאָמען!

מיר וואוינען ב"ה צווישן ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע געבן אונז פרייהייט פון גלויבן, מוזן מיר זיך נישט אינגאַנצן מקריב זיין. אָבער אַזויפיל כח און קראַפט מוזן מיר אָבער דאָך האָבן און אַזאַ קרבן דאַרפן מיר יאָ וויינגסטנס ברענגען, אַז מיר זאָלן פאַרטראָגן דעם שפּאָט און דאָס אָפּלאַכן פון אונז. (אין די מערסטע פאַלן זענען עס די מאָדערנע אידן וועלכע לאַכן אונז אויס). נישט אומזיסט איז דער ערשטער סעיף אין שולחן ערוך „הוי עז כנמר וכו' ואל יבוש מפני המלעיגים" — זאָלסט זיין שטאַרק און מוטיג ווי אַ לעמפּערט און זאָלסט דיך נישט שעמען פון די וואָס לאַכן דיך

אוים. דער סעיף לערנט אונז, אז דעם גאנצן שולחן ערוך, און אפילו די גאנצע אידישע רעליגיע, קען מען נאר דעמאלס האלטן, אויב מען שעמט זיך נישט מיט אידישקייט. דאקעגן ווען מען האט אבער נישט דעם כח, דעמאלס איז מען ליידער פארפאלן. היינט גיט מען נאך איין קלייניגקייט, און מארגן גיט מען נאך א וויכטיגערע זאך, ביז ער גיט נאך אלעם וואס איז אידיש, און זיין גאנצע צופרידנהייט באשטייט אין דעם וואס מען דערקענט נישט אין אים אז ער איז א איד.

דער דאזיגער גייסטיגער כח איז ביי דער אידישער פרוי נאך מער וויכטיג צום פראקטישן אידישן לעבן, ווייל ערשטנס זענען די פרויען פון דער נאטור עמפפינדליכער פון מענער, און ביי זיי כאפט זיך אן לייכטער און טיפער יעדע גרינגשעצונג. און צווייטנס שטעלט די געזעלשאפט גרעסערע פאדערונגען צו דער פרוי, אין דער באנעמונג, אין דער קליידונג, און אין דער הויז ווירטשאפט.

אומעטום האט די עבודה זרה, די מאדע, אנדערע פארמען און אנדערע פאדערונגען. דעריבער מוז מען ערקלערן וואס די מאדע איז. נעמליך די מאדע איז א משוגעת וואס א פאריזער שניידערין אדער אנדערע מענטשן האבן אויסגעטראכט. קודם ווערן די מאדעס געטראגן פון פארדארבענע אויסוואורפן ביי אן אויסשטעלונג, און דערנאך ווערט דאס נאכגעמאכט פון דער געזעלשאפט. נו איז דען פארהאנען נאך א נארישערע עבודה זרה פון דעם? און דאך איז עס ליידער גענוג ווען די שניידערין זאגט: „יא, דאס איז די נייסטע לעצטע מאדע”! דעמאלס האט זיך אויפגעהערט יעדע טענה. דעמאלס עקזיסטירט שוין נישט קיין צניעות, עס עקזיסטירט שוין מער נישט קיין מאראל, מען האלט זיך נישט אפ פאר קיין שום אומזיטליכקייט, מעג עס אפילו זיין פרעך און עקלהאפט, ווייל די עבודה זרה פון דער מאדע פארלאנגט אזוי.

דערפאר איז עס די פליכט פון די עלטערן אויפצוקלערן די קינדער און אויף זיי משפיע צו זיין ווען עס איז נאר מעגליך (דאס הייסט ווען די קינדער האלטן זיך נישט קליגער פון די עלטערן, וואס דאס קומט זייער אפט פאר ביי די וועלכע שטודירן). עס איז קיין ספק נישט אז מען קען, און מען דארף זיך קליידן שיין, ריין און נעט און באנעמען זיך אנשטענדיג, און נאך בלייבן

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 34 הודפס ע"י אוצר החכמה

אידיש (און נישט פרעך), ווען אפילו עס איז נישט מיט דער לעצטער מאדע.

און כאטש מיידלעך זענען מער סענסיטיוו, אבער די איבער־געטריבענע געפאלזוכט (דאס זוכן צו געפעלן פאר יעדן און ציען אויף זיך אויפמערקזאמקייט) איז פאר אונז אידן אוודאי שעדליך. עס קען ח"ו האבן זייער ערנסטע נאכפאלגן (זע פרק יא). אויך איז עס נישט געזונט. עס מאכט נערוועז. די נערוון ווערן פון דעם אפגעשוואכט. דער גאנצער קאפ מיט אלע געדאנקען זאלן נאר אין דעם ליגן וויאזוי יעדן צו געפעלן, אנשטאט דעם וואס א פרוי דארף צו שטעלן דעם גרעסטן געוויכט נאר אין הויז ביים אייגענעם מאן צו האבן חן אים צו געפעלן (גמרא שבת פרק במה אשה יוצאה), נישט פאר די גאס און פאר די וועלט. דעריבער איז איינס פון די וויכטיגסטע אויפגאבן פון א געטרייע ערנסט דענקענדע מוטער, דאס אלעם אויפצוקלערן די טאכטער נאך אלס מיידל, און זי אפגעוויינען פון דעם פארגרייזטן טעות, אז אין הויז איז גוט סיי וואס און סיי וויאזוי, מעג זיין שבת מעג זיין יום טוב, דער עיקר איז נאר אויף דער גאס און צווישן פרעמדע מענשטן, נאר דארט נוצט מען אלע שענסטע קליידער, טייערסטע צירונגען, פונקט פארקערט ווי אונזערע חכמים ז"ל לערנען אונז. און פארקערט אפילו ווי דער גראדער שכל דיקטירט. נאר האלטן אין איין ערקלערן און אויסלערנען אז עס איז וויכטיגער פאר איר זיך גוט אויס־צולערנען אלע הויז ארבעטן, ווי למשל נייען, קאכן און באקן און דאס גלייכן, ווייל פאר איר מאן וועט עס אוודאי ליבער זיין אז זי וועט אים אנגרייטן א גוטן נאכטמאל, אדער זי וועט אים ארויס־העלפן אין געשעפט, ווי איידער זי וועט קענען אויסנווייניג די לידער און פילאזאפיעס פון געטהע און שיללער, בארימטע דיכטערס.

אויך דארף די מוטער לערנען די טאכטער פון קליינערהיים אנגעפאנגען אז צו אלע וועגן פון צניעות דארף מען זיך צו האלטן און צוגעוויינען אפילו ביי זיך אין שטוב. הויך רעדן און לאכן און אויפפאלנדע באוועגונגען און אויפפירונג איז אלעמאל און איבעראל שעדליך. איבערהויפט אין דער קעגנווארט פון מענער. נאר איינדרויסן אין גאס איז עס פילפאכיג ערגער. און זיכער ווען מען באגעגנט זיך מיט מענער דארף מען אין די זייט צו טרעטן,

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 35 הודפס ע"י אוצר החכמה

ווי ווייט מעגליך צו זיין אומבאמערקבאר, און אוודאי זיך שטרענג צו האלטן צו דעם וואס די חכמים ז"ל לערנען אונז (פסחים קיא) נישט צו שטיין אין וועג פאר מענער, כדי זיי צו ערמעגליכן זיי זאלן נישט מוזן דורכגיין צווישן צוויי פרויען. אויך אליין היטן זיך פון דורכגיין צווישן מענער, עלטערן דארפן אויך לערנען די טעכטער אז צוגעדעקט הייסט נאר א קלייד וואס איז נישט דורכזיכטיג. אויב יא, האט עס קיין שום ווערט נישט, ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (מג"א סימן ע"ה). דאס איז נישט קיין הילוק סיי די שטרימפ, סיי אנדערע מינים קליידער.

אויך דארף מען אין זיי איינפלאנצן צו געבן כבוד און האבן רעספעקט פאר דער תורה הקדושה און פאר די טרעגער פון דער תורה, דאס מיינט מען די תלמידי חכמים און די וואס לערנען די תורה. און ווען זי ווערט עלטער זאל מען זי לערנען אז זי זאל ערן און שעצן איר מאן. ווען עס קומען פאר עווענטועלע מיינונגס פארשידנהייטן זאל זי זיין נאכגיביג. איבערהויפט דארף זיין דער רצון פון איר מאן, ווען עס האנדלט זיך אין ענינים פון אידישקייט, אין אירע אויגן ווי א באפעל.

איך ווייס, אז טייל מענטשן וועלן שמייכלען פון דעם זאץ וואס איך האב דא געשריבן. אין א צייט ווען פרויען האבן א רעכט צו שטימען ביי וואלן און פרויען זענען הויך געשעצט, זאל איך שרייבן אזעלכע זאכן? אמת, איך ווייס אז דאס איז קעגן דער אויפפאסונג פון דער היינטיגער צייט. אבער ביי אונז אידן איז די תורה אונזער קוואל פון לעבן, און דארט שטייט „איזהו אשה כשירה, העושה רצון בעלה" — וועלכע הייסט אן ערליכע פרוי, די וועלכע טוט דעם רצון פון איר מאן. ממילא צו אורטיילן וואס עס הייסט אן אשה כשירה, איז נאר אונזער הייליגע תורה מאס-געבנד*) מער ווי אלע חכמים און פרויען פארערער פון דער גאנצער

---

*) דעם דאזיגן כלל איז וויכטיג גוט אויסצולערנען די קינדער, זיי זאלן דאס האבן פאר די אויגן שטענדיג אין לעבן, אז ביי א איד איז דער דעציזירנדער כח, דאס העכסטע ווארט נאר די תורה הקדושה, דאס הייסט דער שולחן ערוך. ביי יעדן ספק, צווייפל אדער פראגע, סיי וואס מ'האט פאר זיך אליין, סיי א קאנפליקט מיט אן אנדערן, צי האנדלט

וועלט. כאַטש עס שטייט אויך אַז ביי „מילי דעלמא", אין וועלטליכע פראַגן, דאָס הייסט ביי געשעפטן און דאָס גלייכן זאָל דער מאַן פאָלגן די עצה פון דער פרוי, אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין מילי דשמיא, דאָס הייסט פראַגן וואָס האָבן צו טאָן מיט דת און אמונה, איז זי נאָר דאַן אַן אשה כשירה, ווען זי וואַרפט זיך אונטער איינגאַנצן דעם ווילן פון איר מאַן.

## פרק ז

### איז עס נייטיג צו לאָזן די מיידלעך שטודירן?

צי עס איז ראַטזאַם צו לאָזן שטודירן די מיידלעך, גלייב איך אַז יעדער וועלכער עס האָט ליב דעם אמת און טוט אנערקענען דעם אמת, וועט מיט מיר מסכים זיין אַז עס איז נישט ראַטזאַם.

יעצט רעדן מיר ווידער וועגן דעם אויב עס איז נויטווענדיג? מיינע ליבע ברידער און שוועסטער זאָלן אָבער נישט מיינען, אַז אויב מיר זענען איבערציינגט וועגן אַ געוויסער זאַך וואָס עס איז שעדליך פאַר אונזערע קינדער, אַז ווען עס איז נויטווענדיג איז דאָס יאָ ערלויבט? חלילה! טוען מיר דען נישט אָפּפערן גרעסערע נויטווענדיגקייטן פאַר אונזער גלויבן? וועגן איין חילול שבת איז

---

זיך אין געלט, כבוד, פאַרגעניגנס, אָדער אין ערנסטע זאַכן ווי פּרנסה און געזונטהייטס פראַגן ווענדט מען זיך צו אַן ערליכן מורה הוראה, נאָך אַ דעת תורה און דאָס איז דאָס העכסטע געריכט, דאָס מאַכט דעם ענד־גילטיגן באַשלוס, און דאָס טוט אַנטשיידן וויאַזוי צו האַנדלען. אַזוי נאָך איז מען פאַרזיכערט מיט די נאָכפאָלגן פון דער זאַך ווי דער פסוק זאָגט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום (משלי ג׳ י״ז) — די וועגן פון דער הייליגער תורה זענען זיסע וועגן, און אַלע אירע שטעגן פירן צו פרידן. תורת ה׳ תמימה משיבת נפש (תהלים י״ט) — די ג־טליכע תורה איז גאַנץ, און זי מאַכט דערקוויקן דאָס נפש. שלום רב לאוהבי תורתיך ואין למו מכשול (תהלים קי״ט) — פיל פרידן צו די וואָס האָבן ליב די הייליגע תורה, זיי וועלן נישט האָבן קיין שטרויכלונג.

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 37 הודפס ע"י אוצר החכמה

דאך דער איד אימשטאנד אהינצוגעבן דאס גאנצע פארמעגן. ווי עס שטייט אין שולחן ערוך או"ח סימן תרנ"ו וזל"ק: אבל לא תעשה יתן כל ממונו קודם שיעבור — א איד איז מחוייב אוועק־צוגעבן דאס גאנצע פארמעגן כדי נישט מוזן עובר זיין אויף א לא תעשה (לאו) פון דער תורה הקדושה. — נו, ממילא איז דאך אוודאי פארשטענדליך אז מיר דארפן אזויפיל אפפערן ווען עס האנדלט זיך אין א זאך וואס איז נישט קיין עבירה פון איין מינוט, נאר עס האט א ווירקונג אויף די קינדער און קינדם קינדער צום שלעכטן. דען וואס בלייבט דען פאר'ן מענטש נאך זיין אפלעבן פון דעם אלעם וואס מען האט זיך אזויפיל געפלאגט אויף דער וועלט? גארנישט! נאר ווען מען האט איבערגעלאזט גוטע דורות. און דאס קען מען נאר דערמאלם דערגרייכן, אויב מען לאזט לערנען די זין די תורה הקדושה, און די טעכטער לערנט מען די אידישע השקפה און אויפפאסונג, וואס עס ברענגט זיי צו אמונה שלימה. דעריבער אפילו ווען עס וואלט זיך פארלאנגט, דארף מען עס אויך נישט ריזיקירן און איינשטעלן. אבער פאקטיש איז עס איבער־הויפט נישט נויטווענדיג, ווייל די פראקטישע לימודים און געגנ־שטאנדן וואס ווערט געלערנט, למשל לייענען, שרייבן און רעכענען, פון דעם ווערט געלערנט צוזאמען בלויז 6 אדער העכסטנס 8 שטונדן א וואך. און פאקטיש קען א יונגער מענטש וועלכער פראק־טיצירט אין דעם ביורא פון זיין פאטער אויפטאן פיל מער ווי איינער וואס לערנט די פיר קלאסן הויך־שול און דריי קלאסן פון דער האנדלס־שול. זיי קענען אפילו נישט פון דער שול איין רעכענונג נאכרעכענען, אדער אפשרייבן א געהעריגן געשעפטס־בריוו, ווייל זיי פארברענגען די גאנצע צייט מיט אומוויכטיגע לימודים, ווי: אל־געברא, נאטור געשיכטע, ארכעאלאגיע, געאמעטריע, מיטאלאגיע, כעמיע, פארפאסונג, מינעראלאגיע, זינגען, דיכטונג, פיזיק או"וו.

דא האבן מיר אויסגערעכנט דרייצן געגנשטאנדן, פון וועלכע א אידישע טאכטער האט גארנישט קיין פראקטישן נוצן. וועט זי אפשר באקומען א בעסערן חתן, אדער וועט זי קענען בעסער ערציען די קינדער אויב זי ווייסט מיטאלאגיע? וויאזוי די 12 גריכישע אפגעטער האבן געהייסן, און וואס די בודהיסטן טוען מקריב זיין פאר זייערע אפגעטער, אויסערדעם וואס דערמיט איז מען עובר

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 38 הודפס ע"י אוצר החכמה

אויף דעם לאו „ושם אלהים אחרים לא תזכירו" — „דעם נאָמען פון די פרעמדע אָפּגעטער זאָלט איר נישט דערמאָנען". וואָס וועט זי האָבן ווען זי וועט קענען היסטאָריע, זי וועט וויסן וואָס פאַר אַ מלחמות די שפּאַרטאַנער האָבן געפירט מיט די פעניציער; און ווי אַזוי די פּערזישע, עגיפּטישע, רוימישע, באַבילאָנישע און כאַלדאַישע קעניגן האָבן געהייסן; אָדער מינעראַלאָגיע, ווי די קוילן ווערן אַנט־שטאַנען, וואָס דורך דעם קען מען לייכט קומען צו אַ סתירה און ווידערשפּרוך מיט דער אמונה; אָדער פאַרפאַסונגס לערע, וויאַזוי די מאַלאַיער, די קאָרינטעער, און מעדיער האָבן זיך קאָנסטיטואירט; אָדער דיכטונג — ווארים מען קען דאָך מסתמא נישט כשר מאַכן דאָס פלייש, אָדער נעמען חלה, ביז מען זאָגט נישט קודם עטליכע געדיכטן פון די פאַרשידענע דיכטער; אָדער נאַטור־געשיכטע, מיט וואָס די פעליקאַנס טוען זיך ערנערן, וואו עס בויט זיין נעסט דער אויער־האָן. און פונקט אַזוי איז אויך וויכטיג די פיזיק, פאַרשטייט זיך, און איבערהויפּט דאָס זינגען קען מען דאָך נישט פאַרפעלן, כדי מען זאָל קענען דערמיט עובר זיין אויף קול באשה ערוה — ווייל מענער טאָרן נישט הערן אַ פרוי זינגען.

נו, פרעג איך אייך: איז עס נויטוועדיג צו לאָזן די טעכטער שטודירן? ניין! ווען מען וויל זי ריכטיג באַנוצן אין געשעפט, לאָזט מען זי נאָכ'ן פאַרענדיגן די קלאַסן וואָס די רעגירונג פאַרפליכטעט אַ שטיקל צייט פּראַקטיצירן אין דער אייגענער קאָנצעליי, דורך דעם וועט מען אַ סך מער דערגרייכן, ווי איידער ווען מען לאָזט דאָס קינד אָנשטאָפּן דעם קאָפּ מיט נאָך איבערפליסיגע זאַכן פיר יאָר און מען שטרענגט איר אָן די נערוון דערמיט. און מען איז אויך מער זיכער אַז זי וועט נישט פאַרדאַרבן ווערן.

דעריבער ווען עלטערן לאָזן דאָך שטודירן זייערע טעכטער, טוען זיי דאָס צום מערסטנס נאָר צוליב גרויסהאַלטעריי, אָדער עס פּאַסט בעסער פאַר די עלטערן ווען עס הייסט אַז זייער טאָכטער איז געבילדעט. אָדער די טאָכטער שעמט זיך פאַר אירע חבר'טעס און זי פאַרפירט אַזויפיל ביי די עלטערן ביז זיי מוזן איר נאָכגעבן. זיי פאַרגעסן אָבער וויפיל מכשולים, שטרויכלונגען און געפאַרן זייער קינד ווערט צוליב דעם אויסגעזעצט. צום ביישפּיל, אָנצוכאַפּן אַ זאַך וואָס איז מוקצה, אָדער טראָגן אַז אַן עירוב. און ווען דער חעד

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמירה לבת יעקב ברגר, בנימין עמוד מס: 39 הודפס ע"י אוצר החכמה

פראפעסאר פארגעסט אז דאס מיידל איז פריי און מוז נישט שרייבן אים שבת, אדער ער פארגעסט אז עס איז שבת, און ווייל זי איז דווקא א גוטע שילערין, גיט ער איר אויף א רעכענונג וואס די אנדערע מיידלעך קענען נישט אויסרעכענען, און זי אליין פארגעסט אויך פון אויפרעגונג אז עס איז שבת. און ווען דאס פאסירט איין מאל אדער צוויי מאל ווערט עס ביי איר ווי א היתר, און זיי באטראכטן עס ווי גלייך עס וואלט ערלויבט געווען. (אפילו אין די ערטער וואו דער איינער פרט פון חילול שבת ויום טוב איז עווענטועל נישטא און עס איז נישט קיין פראבלעם, בלייבן אבער בדרך כלל די אלע אנדערע פרטים, און מען קען נישט פאראויסזען וויפיל פארשידענע נסיונות עס קומען אונטער וואס מען האט קיינ־מאל נישט גערעכנט אויף זיי). אויך די ליידנשאפט צו לייענען ראמאנען נעמט זיך צום גרעסטן טייל פון דער שולע. די דאזיגע עבירה איז ליידער ביי א סך מענטשן נעשה כהיתר (עס ווערט באטראכט ווי גלייך מען מעג דאס טאן). אבער באמת איז דאס א גרויסע עבירה, ווייל עס דערוועקט די געמיינסטע ליידנשאפטן *). און ווען עס טרעפט זיך איין מיידל וואס איר האט נישט געשאדט דאס שטודירן, איז דאס נאר א זעלטענער אויסנאם. דער אויסנאם

---

*) איך האב מיט א פאר יאר צוריק מוסר געזאגט פאר א בן תורה פארוואס ער ערלויבט פאר זיינע טעכטער צו לייענען ראמאנען? האט ער מיר געזאגט: עס קען זיין אז דו האסט רעכט. אבער א גאנצע וואך ארבעטן מיינע טעכטער אין דער הויז ווירטשאפט און זענען אויך בייהילפיג אינעם געשעפט. דאס איז זייער פארגעניגן אים שבת, און איך קען דאס זיי נישט פארבאטן. אבער ווען עס איז געקומען די צייט שפעטער זיי חתונה צו מאכן האבן זיך ארויסגעשטעלט די שלעכטע רעזולטאטן. דער פאטער האט געמוזט מסכים זיין אז זיי זאלן חתונה האבן צו אזעלכע מענער וואס איז געווען אינגאנצן קעגן זיין רצון. אזוי איז אויך געווען שפעטער ביי די אומאידישע קינדער ערציאונג. דעמאלס איז ער שוין געווען פון די צועקין ואינן נעניןן — ער שרייט, אבער עס העלפט שוין נישט... און ווער איז שולדיג אין דעם? זיין נישט וועלן שטערן פאר די טעכטער דעם „פארגעניגן" פון לייענען ביכער. אזוי ביטער טייער האט ער באצאלט דערפאר.

הודפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה